אַמעריקעס ריווערס, אַמעריקעס טײַכן —
פלעמלדיק, צאַפּלדיק ווערן די וואַסערדיקע ווייטן
און אַלץ אַרום ווערט האַרבסטיק, נאַכטיק־הויך,
און הינטער וואָלקנס די לבנה ציט זיך ווי דורך רויך.
שיפן גרויסע, שיפן קליינע זעגלען בלינד
און טאַפּן הייזעריק דעם נעפּלדיקן ווינט.
נאָך די שוימיק־ווייסע שרייענדיקע וואַסערן
רייסן זיך ברעטער מיט פאַראַנקערטע שטריק.
צעוואָרפענע אינדזלען, ווי שווימענדיקע פלאַכן,
רוקן זיך מיט נאַכט, מיט שרעק, מיט סיגנאַלן
און ווערן פאַרצערט — און שטאַרבן.

Getseltn, a Yiddish Review
Edited by Eliezer Greenberg
& Elias Schulman
#8, March-April 1946
New York

גבריאל פרייל

## געלעכטער איז געדעכעניש

דער מאַן פון הײַנט לאַכט נאָך דערווײַל ניט :
ער איז נאָך אַלץ ווי איינער אַ בייער
אין דעמערנדן יאָרן־וואַלד,
וועלכער האָט נאָך דערזען זײַן פרימאָרגן ;
ער איז נאָך אַלץ ווי אַ פויגל
וואָס פליט אין דימענגלאָזע בלויע ווייטן
און פילט שוין ראַדאַר־צי פון דער ערד.

ער לאַכט ניט —
ווײַל אפשר איז געלעכטער אַליין
עפּעס וואָס איז בלויז געדעכעניש, —
און דער הײַנט אַנט ניט מער ווי אַ טרער.



אייזיק ראָזענפעלד

# דאָס מעסער

## (דערציילונג)

אָט זײַנען פאַראיבער — שוין וויפיל טעג — זיבן, אַכט ? — אַז מיר ליגן, אַזוי צו זאָגן, אין געפאַנגעניש, און אָט־יענער האַלט נאָך אַלץ אין איין האַוקען. ס'איז מיר טאַקע אַ וואונדער וואָס פאַר עקשנים עס געפינען זיך צווישן אונדז הינט. איך בין, פאַרשטייט איר מיך, אַ „שפּאַניעל", אַן איידעלע, מילדערע בריאה, און דערפאַר, אפשר, בין איך ניט צוגעוואוינט צו אַזעלכע שטיק. עס שטייט מיר ניט אָן אים אַרויסצוהעלפן און אויך האַוקען. דער אמת איז, דאָס הינטישע האַוקען טומלט מיר אין די אויערן, און רעגט מיך אויף פּונקט אַזוי פיל ווי די דאָקטוירים. ווידער און ווידער אַמאָל, פאַר דער קלענסטער אורזאַך, אָדער גאָר אָן אַ שום סיבה, באַלד ווי ער דערהערט נאָר טריט אין זאַל, ווען מען קומט אונדז געבן עסן, אָדער ווען מען נעמט אונדז אַרויס מיט שטריק אַרום האַלדז, ווײַל די דינער רייניקן אויס בײַ אונדז די שטייגן, גיט ער אַן עפן אויף דאָס מויל און לאָזט הערן זײַן מיאוס קול — ר־ר־ר־וואָף ! עס איז מיר געווען פיל לײַכטער דאָס צו הערן ווען איך האָב געמיינט אַז דאָס איז בלויז אַ מין חיהשע רציחה ; ווען איך האָב אָבער אויסגעפונען וואָס ער באַצוועקט מיט דעם, האָבן זיך דאַן ערשט אָנגעפאַנגען מײַנע ליידן. ער איז פּשוט, אַ פּראָסטער הונט, קוים וואָס ער קען רעדן.

דאָס איז מיר געוואָרן קלאָר ווען איך האָב געהערט אַז יאַנקל און בילי שטימען איין מיט מיר, אַז ר־ר־וואָף!—מיינט ניט מער ווי „רויטער וואָלף". ס'איז טאַקע צום לאַכן. אָט אַזוי שטייט ער אויף די דינע ביינער, די אויגן בייז, די נאָז פאַרקנייטשט, וואַרפט זיך קעגן די אייזערנע שטאַנגען פון שטייג און לאָזט צו וויסן דער וועלט אַז זײַן נאָמען איז „רויטער וואָלף". גלײַך ווי דער יונגער דאָקטער מיט די האָריקע הענט און די לאַנגע פיס, וועט זיך צו אים צוהערן און איבערגעבן דעם עלטערן דאָקטער וואָס שמעקט פון פיס : „מיר מוזן יענעם הונט וואָס גיכער אַרויסלאָזן אויף דער פרײַ ! ווייסט איר ווער ער איז ? דאָס איז רויטער וואָלף !"

„רויטער וואָלף" איז אפילו ניט זײַן אמתער נאָמען. ווער האָט עס געהערט אַז אַ גראָבער הונט זאָל הייסן רויטער וואָלף ? בלויז אַ קוק טאָן אויף אים איז גענוג צו וויסן אַז אין דער היים האָט מען אים גערופן „ספּאָרט", אָדער „פעל" — אַזאַ מין הונט קען האָבן נאָר איין סאָרט באַלעבאַטים. און אַזעלכע באַלעבאַטים האָבן גאָר ניט די פאַנטאַזיע אויסצוטראַכטן אַ בעסערן נאָמען . . . איך פאַרשטיי אים גאַנץ גוט. ער איז אַרײַנגעפאַלן מיט אַ גרופּע ווילדע חברה ווען ער איז נאָך געווען אַ קליינטשינקער, און מיט זיי איז ער אַרומגעלאָפן אין די גאַסן און זיך אויסגעלערנט די שיינע תורה, זײַנע פײַנע שטיק. די חברים זײַנע האָבן אים אײַנגערעדט צו פאַרלאָזן די היים — ער אַליין וואָלט ניט געהאַט דעם מוט דאָס אונטערצונעמען זיך. ער

איז בטבע אַ פייגלינג. נאָר נאָכדעם וואָס ער איז אַנטלאָפן פון די באַלע־באַטים זיינע, איז ער געוואָרן, פאַרשטייט איר מיך, אַ גאַנצער קנאַקער — ער מיינט אַז ער איז אַ געפערלעכער גזלן, אַ רשע, אַ מערדער, וואָס האַלט זיך אין איין קריגן מיט דער ציוויליזירטער וועלט. זיין באַנדע האָט דאָס אים אַלץ אַריינגערוימט אין אויער — און איך ווייס אפילו וואָס פאַר אַ מין באַנדע דאָס איז — ס'איז דער מין וואָס רופט זיך „זין פון וואָלף“.

אַ שיין לעבן — זיי פירן דאָס, אַ לעבן פון קליינע, מיאוסע קרימינאַליטעטן. ווי לאָמיר זאָגן, צו באַפאַלן אַ פייךאויפגעבראַכט הינטעלע וואָס גייט אויף אַ שפּאַציר מיטן באַלעבאָס, און ווען אונדזער „רויטער וואָלף“ דערזעט דאָס, רוקט ער זיך אויף אים פון הינטן, און אַנטלויפט באַלד ווען דער באַלעבאָס באַמערקט אים. ער קערט זיך שפּעטער אום און וואַרפט אים נאָך זידלערייען. און אויב ניט דאָס, איז עס גנבענען אַ ביין, זיך צעקריגן מיט אַן אָרעם, אויסגעדאַרט הינטעלע, קוים וואָס עס שטייט אויף די פיס, אָדער גאָר איינגאַנצן אין מיטן העלן טאָג נעמען קריכן אויף אַ פאַרבלאָנדזשעטער צויג, און דערנאָך זיך האַלטן אין איין באַרימען מיט זיינע ליבע־דערפאָלגן און אַוואַנטיורעס. אָבער עס האָט ניט איין מאָל פּאַסירט, אַז די קינדער אויפן גאַס האָבן אים גוט צעקלאַפּט, אָדער די ווייבער האָבן אויף אים אַ גיס געטאָן הייסע וואַסער.

— נו, זאָגט מיר, צו וואָס דאַרף מען אַזאַ מיאוסן, פאַלשן, הינטישן לעבן? און ניט נאָר די מיאוסקייט, נאָר די חוצפה — צו נעמען בייז בילן ביי יעדער געלעגנהייט: „איך בין רויטער וואָלף, איר קאָנט מיך אַזוי ניט באַהאַנדלען!“ און ער דענקט אַז די וועלט וועט זיך צוהערן צו אים. אָבער דאָס אַלץ זיינען בלויז הינטישע שטיק. דאָס איז שוין איינמאָל אַ רויטער וואָלף!

איך, ווידער, בין שטאָלץ אויף דעם וואָס איך פאַרשטיי אַז ענין פיל בעסער פון יענעם חברה־מאַן.

— — — — — — — — — —

ביז איצט האָבן מיר גאָרנים וואָס צו באַקלאָגן זיך ווי מען באַהאַנדלט אונדז דאָ. אמת, די שטייגן זיינען זייער קליין, קוים וואָס עס איז דאָ פּלאַץ זיך אויסצודרייען, אָבער וואָס דערוואַרט איר אין אַ שטייג? דאָס עסן וואָס מען גיט אונדז דאָ איז גענוג פאַר מיינעטוועגן — אָבער עס ווערט פאַרט אַביסל נמאס. קיין יידישן טעם האָט עס ניט — אַ מין טרוקענע קאַשע — יעדן טאָג — באַנעצט מיט אַ טראָפּן מילך. אַ שטיק פלייש וואָלט געווען אַ פאַרגעניגן — אָבער מאַלע וואָס מיר ווילט זיך!... אָבער נאָך אַלעמען קען מען עס באַדויערן. דער אמת איז, איך פיל זיך ניט אַזוי גוט. די נאָז איז ביי מיר אַלעמאָל טרוקן, און מיין פעל מיט די שיינע לאַנגע האָר איז געוואָרן אַ תל. אָבער איך בין זיכער, אַז אין דעם איז שולדיק ניט די באַהאַנדלונג וואָס מיר באַקומען, נאָר דאָס וואָס עס פעלט אונדז פרישע לופט. די פאַר מינוטן וואָס מען לאָזט אונדז אַרויס אין זאַל מיטן שטריק אַרום דעם האַלדז איז ניט גענוג פאַר אונדז. דער זאַל איז אַ קאַלטער, שטיי־





נערנער, פינצטערער, און עס גייט אָפּ פון אים, נעבעך, אַ געריך פון די פיל אַנדערע הינט וואָס זיינען דאָ פאַרשפּאַרט. אָבער מילא — ווען מיר גייען אַרויס אויף אַט־אָ־דעם קורצן שפּאַציר, רייניקט מען ביי אונדז אויס די שטייגן — און ווייל מען טאָר ניט זינדיקן, איז נאָך אַ דאַנק גאָט דערפאַר. אָבער, גאָטעניו, ווען מיר וואָלטן געקענט פועלן ביי זיי אַביסל פרישע לופט, אַ געלעגנהייט אַרומצולויפן אין דרויסן! ... איך בין אָבער שטאָלץ מיט דעם וואָס קיינער פון אונדז האָט קיין איין מאָל ניט פאַרשמוצט דעם זאַל — קיינער, הייסט עס, מיטן אויסנאַם פונעם רויטן, און אפילו ער האָט זיך גענומען אין די הענט אַריין, ווען מען האָט אים אַ פאָר מאָל אַ שטופּ געגעבן די נאָז אינעם שמוץ. אונטער אַזעלכע אומשטענדן איז אונדזער אויפבריינגונג ווירקלעך אַ ברכה. דאָס איז דער גאַנצער שטאָלץ וואָס מיר פאַרמאָגן, ווייל כאָטש ס'איז אַ באַליידיקונג צו באַשמוצן די אייגענע שטייגן, קאָנען מיר אָבער דאָך אַרויסגיין אין זאַל. שטאָלץ, דעם קאָפּ פאַרדריסן, ווייסנדיק אַז מיר קענען זיך אויסגלייכן מיט די פירנעמע ציוויליזירטע לעבן וואָס זיינען אומעטום אָנשטענדיק — אפילו אין אַזאַ מין פּלאַץ ווי אין אונדזער לאַבאָראַטאָריע.

ווען זיי וואָלטן אונדז נאָר אַרויסגעלאָזט פאַר אַ ווײַלע אויף דער פרייער לופט! צי שפּילן זיך אויפן גראָז וואָס וואַקסט אַרום דעם שפּיטאָל און וואָס איז אַזוי איינלאַדנדיק, אַזוי גרין און זיס! אָבער, מילא, אונדזער אומגליק איז ווירקלעך דאָס וואָס מיר האָבן פאַרלוירן איינגאַנצן די פרייהייט. איך האָב אַלע מאָל געהאַלטן פון אַ מעסיקן צוגאַנג צום ענין פרייהייט — איך בין ניט קיינער פון די „צוריק־צו־דעם־וואָלף־הונט־פעריאָד“, און איך וואָלט געווען צופרידן צו לעבן אין דער היים ביים באַלעבאָס — און איך וואָלט נאָך געווען ביזן איצטיקן טאָג, ווען ניט צוליב סיבות אין וועלכע איך בין גאָרניט שולדיק.

כ'וואָלט ניט געווען הימלאָז, ניט איינגעשפּאַרט אין קייטן. און דאָס איז דאָס בעסטע פאַר מיר. און אויב ס'איז מיר דערלויבט צו זאָגן, דאָס בעסטע פאַר אונדז אַלעמען. ווייל לאָמיר זיך ניט נאַריש מאַכן, מיר זיינען שוין זייער ווייט אַוועק פונעם וואָלף, און די נויטווענדיקייטן וואָס מיר האָבן געקראָגן פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט קומען אונדז גאַנץ גוט צונוץ. אָבער ווייל מיר ווילן מער ניט קיין אַבסאָלוטע פרייהייט, איז אונדז די באַגרענעצטע פרייהייט נאָך מער נייטיק, ווייל מיר האָבן זי באַקומען דורך אַ ריי קאָמפּראָמיסן. מיר ווייזן אויס אַז „רויטער“, דער ווילדער הונט, וועט ווייניקער ליידן ווי די אַנדערע פון אונדזער מין. נאָך אַלעמען איז ער אַנטלאָפן פון דער מענטשהייט, און האָט מער ניט וואָס צו דערוואַרטן — און אויב ער וואָלט דאָס נאָר פאַרשטאַנען און אויפגעהערט צו זיין אַזאַ נאַר, וואָלט אונדז אַלע געווען אַ סך בעסער. ווייל אונדז, — די אַנדערע וואָס האָבן, אַזוי צו זאָגן, געמאַכט אַ קאָנטראַקט מיטן מענטש, איז איצט שלעכט. און מיר האָבן דאָס רעכט צו פּראָטעסטירן. אָבער וואָס וועט אונדז העלפן דאָס פּראָטעסטירן? דאָס אומפאַרשטענדלעכע איז

נאָר אונדזער פאַרלוסט פון פרייהייט. — און דאָס בלייבט אומפאַרשטענדלעך בלויז ביז וואַנען מיר גיבן צו אַז, נאָך אַלעמען, מוז זיין נאָך אַ צוועק פאַר אונדזער געפאַנגענשאַפט. דער שפּיטאָל פאַרהאַלט אונדז דאָ ניט ווייל ס'איז אַ כבוד אויסצורייניקן פאַר אונדז די שטייגן. עס איז גאַנץ מעגלעך, אַז מיר קריגן דערפאַר עפּעס אַ באַלוין. אָבער דאָס איז שרעקלעך! ניט נאָר ווייל עס דערוואַרט אונדז אַ שוואַרצער סוף, נאָר דערפאַר ווייל דאָס וואָס מיר באַקומען אַלס לוין, איז פאַר אונדז אומפאַרשטענדלעך, און אַבסאָלוטע בלאָטע דורך וועלכער מיר וועלן קיינמאָל ניט קענען דערקריכן צום אמת. ווען געשעענישן זיינען אָן אורזאַך איז שלעכט גענוג. אָבער ווען די אורזאַכן זיינען נאָך אומפאַרשטענדלעך איז נאָך פיל, פיל ערגער.

ס'איז בעסער ניט צו טראַכטן פון אַזעלכע זאַכן. איך בין צופרידן וואָס איך פאַרשטיי אַ חשבון גוט גענוג צו וויסן אַז דעם רויטנס צושטאַנד איז אַ פאַלשער, און וואָס איך בין שטאַרק גענוג זיך איינצוהאַלטן און ניט קרעכצן און וויינען ווי בילי האָט לעצטנס אָנגעפאַנגען צו פּראַקטיצירן.

— — — — — — — — — — —

דאָס איז, אַפּנים, דער צענטער טאָג פון מיין געפאַנגעניש. איך בין נאָר־וואָס צוריקגעקומען פון זאַל און האָב געפונען אַ ריינע שטייג. אַ פּאָר שטונדן צייט וועט מיר דאָ זיין גאַנץ באַקוועם; פיליכטס וועל איך קענען דרימלען אַביסל. דאָס טוט דאָרט איצט יאַנקל, און אַפילו דער רויטער איז איצט שטיל. ער קוויקט זיך מיטן שפּאַציר — ס'איז אַ פאַרגעניגן. ער מאַכט זיך ווי ער וויל אַנטלויפן, און אַביסל מיינט ער דאָס אויף אַן אמת — ווייל ער איז פון יענע נאַראָנים וואָס גיבן קיינמאָל ניט אויף די האָפענונג. איך האָב פאַראויסגעזאָגט אַז ער וועט ליידן אַמווינציקסטן פון אונדז אַלע — און איך בין, ווי ס'ווייזט אויס, געווען גערעכט. אָט ליגט ער דאָרטן ביי זיך אין שטייג — די פיס זיינע אויסגעשטרעקט, די ליפּן ברייט אָפן, פונקט ווי ער וואָלט געהאַלטן פאַרן פגרן. אָבער איך ווייס אַז מיט דעם טרייבט ער חוזק פון אונדז. ער האָט אונדז פיינט, ער מיינט אַז מיר זייענען פייגלינגען, ווייל מיר ווילן אים נישט אַרויסהעלפן מיטן האָווקען. אויב יאַנקל וויל אַ ביסל טאָן, וואַרט ער ביז דער רויטער איז פאַרטיק — און אַז דער רויטער פאַנגט אָן, ווערט יאַנקל שטיל. און בילי האָט שוין אינגאַנצן אויפגעהערט האָווקען און האַלט נאָר אין איין קרעכצן. איך זוך נישט צו באַרעכטיקן דעם רויטן — אָבער דאָס קרעכצן, פאַרשטייט איר מיר, איז נאָך פיל ערגער פונעם האָווקען.

איך וועל אַזוי ליגן, שאַ־שטיל. ביז לעצטנס האָב איך ניט געוואוסט אַז עס לוינט זיך צו באַהאַלטן די געפילן. (איינע פון די סיבות וואָס איך האָב פיינט קעץ, איז דאָס וואָס זיי זיינען אַזעלכע קאַלטע לונג־און־לעבערס.) אָבער איצט זע איך איין אַז דער סטאָאיציזם קען גוט צונוץ קומען. איך וויל ניט אַז מיין קאַלטקייט זאָל ווערן אַזאַ טיפער ליגן אַז איך אַליין זאָל אין אים גלייבן, אָבער איין זאַך קען מען געווינען דורך דעם, און דאָס איז אַביסל שמאַלץ — ווי ווייניק דאָס זאָל ניט זיין. צום ביישפּיל — איך וועל





מער ניט שמייכלען צום דינער וואָס ברענגט אונדז די וועטשערע. אַפּצשינסקי הייסט ער. ער איז אַ וואוילער בחור, דער דינער, עס גייט פון אים אַן אָנגענעמער גערוך, און ער האָט פאַר אונדז אַלעמאָל אַ גוט וואָרט, אַ גלעט, אַ קיצל אונטערן אויער. איך האָב אים ליב — אָבער אים אַ לעק טאָן די האַנט, דרייען פאַר אים דעם וויידל? דאָס ניט. איך האָב פיינט צו זיין קאַלט, גלייכגילטיק, אָבער עס איז בעסער אַזוי.

יאָ, עס איז פאַראַנען מעלות אין סטאָאיציזם, און מען דאַרף זיין גאָר אַ נאַר זיך ניט צו באַפּאַנצערן מיט דעם. נו, וועל איך אַזוי ליגן און שווייגן, פּרובירן ניט צו באַמערקן דעם רויטן, וואָס האָט שוין ווידער אַמאָל אָנגעפאַנגען האָווקען — כ'וועל זיין טויב צו בילי'ס קרעכצן, צו דער פייכטקייט פונעם דזשעגעכץ, צו דער איינזאַמקייט אין דער געפאַנגעניש, צו די פליגן וואָס מאַכן מיר מיאוס דאָס לעבן און רואינירן מיין פעל. אויב די דאָקטוירים וועלן אונדז נאָר צורו לאָזן, וועל איך כאַפּן אַ קורצן דרימל. וואָס עס זאָל ניט זיין, וועל איך ליגן דאָ, אַזוי שטיל ווי מעגלעך, און פּרובירן ניט צו פילן וואָס איך פיל, און ניט אָנצואווייזן וואָס עס ווילט זיך מיר אַזוי שטאַרק אָנווייזן — אויף דער אַנטוישונג אין דער מענטשהייט, וואָס ריסט מיך מער פון אַלץ ביים האַרצן.

דאָס איז שוין, ווי איך האָב געזאָגט, מיין צענטער טאָג אין לאַבאָראַטאָריע. איך האָב שוין פאַרלוירן די האָפענונג אַז די באַלעבאַטים מיינע וועלן מיך קומען באַפרייען. כ'האָב קיינמאָל ניט געהאַט קיין צו שטאַרקע האָפענונג — נאָר ווייל ס'איז מיר שווער געווען כּלום צו מאַכן מיטן געדאַנק אַז זיי האָבן מיך דאָ געלאָזט אויף הפקר, און ווייל מיין נאַטירלעכער אינסטינקט האָט מיר געהייסן גלייבן, האָב איך זיך פעסט געהאַלטן ביי דער האָפענונג. איך מוז איצט גאָר איינגאַנצן דערשטיקן די האָפענונג, ווייל אַ דאַנק דעם קען איך באַלד פאַרגעסן די גאַנצע מעשה. ווען איין הונט באַגעגנט דאָ אַ צווייטן אין דעם דאָזיקן פּלאַץ, פרעגט ער ניט קיין קשיות. מען שטעלט דאָ ניט די שאלה: „פון וואַנען קומסט אַ הונט?" אָדער „וואָס טוסטו דאָ, ברודערל?" דאָס אַלץ איז דאָ זעלבסט־פאַרשטענדלעך. מען פאַרשטייט דאָ אַלצדינג מיט שווייגן. נאָר וועגן איין זאַך שווייגט זיך מיר ניט, און דאָס איז וועגן דער אַנטוישונג וואָס כ'האָב שוין פריער דערמאָנט.

נאָר דאָך איז מיין נאַטור צו גלייבן און געטרויען — דערפאַר מוסר איך זיך ניט אַליין וואָס איך האָב געטרויעט. אָבער עס איז אויך אין דעם מענטשנס נאַטור, אַז מען זאָל אים אויך געטרויען? וועמען דען זאָל מען געטרויען? און אַז עס זאָל זיך פאַרוועלן אויסדריקן די אַנטוישונג און אויסגיסן דאָס האַרץ, צו וועמען וואָלט מען זיך ווענדן, אויב נישט צו דעם מענטשן?

— אָט נעמט די דאָקטוירים. זיי אַרבעטן אויף דעם קרעכצנדיקן בילין, גיבן אים אַן איינשפּריצונג. ער שטייט אויפן טיש און ציטערט און וויינט, אָבער די דאָקטוירים פאַרלאָזן זיך ניט אויף זיין נעבעכדיקייט, און זיי ווילן אים פאַרבינדן די מאָרדע מיט אַ שמאַטע — די זעלבע מאָרדע וואָס

צוקט אזוי הילפלאז און רחמנותדיק. בילי איז דאך אבער א „בולדאג", און האט נישט קיין גרויסע נאז, גליטשט זיך ארונטער די שמאטע, האלט אים איין דאקטער ביים האלדז, און דער צווייטער לייגט צו די נאדל צו זייבע פלאנקען. (די דאקטוירים ארבעטן גאנץ געשווינד, אבער, ווייזט אויס, זייער פארזיכטיקייט מינדערט ניט די שרעק פון בילין.) ווייל ער לאזט ארויס א געשריי באלד ווי די נאדל גרייכט אים אין דער זייט. דער יונגער דאקטער טראגט אים אוועק צו דער שטייג און דער עלטערער שרייבט אן עפעס אויף א ברוינע שטיק פאפיר, אויף וועלכער עס געפינען זיך קליינע קעסטעלעך פול מיט פיגורן. נאכדעם וועלן די דאקטוירים זיך נעמען צו יאנקלען, דעם רויטן, און נאך יאנקלען, צו מיר. יאנקל וועט זיך בעטן ביי זיי, מען זאל אים ניט טשעפען, חלילה; ער וועט פינטלען מיט די אויגן, און מיט די הארע הינטישע ליפן וועט ער זיי לעקן די הענט, און דרייען דעם ווידל אויף וואס די וועלט שטייט. און אין לעצטן מאמענט, פונקט ווען די נאדל האלט ביים אריינגעשטאכן ווערן, וועט ער טאן א ווארטשע און נעמען קרעכצן. עס איז אבער צום באמערקן אז ווען די נאדל טרעפט אים שוין אין לייב, מאכט ער נישט קיין געוואלדן. ער שפרינגט ארונטער פון טיש און לאזט זיך אליין לויפן גלייך צו זיך אין שטייג אריין, און דערנאך באלעקט ער זיך גוט אויפן ארט וואו די נאדל האט אים געטראפן. נו, און דער רויטער? אוודאי וועט ער האווקען און ליארעמען, באווייזן די ריינע, קרומע ציין, און אויך אן אמת פרובירן צעבייסן די דאקטוירים, און זיך ווארפן משוגענערהייט אויף זיי ווען זיי פארבינדן זיין מארדע מיט דער שמאטע. זיי וועלן אים דארפן אויסציען אויפן טיש און איין דאקטער וועט אים מוזן צוהאלטן פעסט מיט ביידע הענט בעת דער אנדערער שטעכט אים אריין די נאדל. ווען מען וועט אים צוריק אריינווארפן אין שטייג אריין, וועט ער האווקען אזוי לאנג, ביז ער וועט זיין צו הייזעריק צו נוצן זיין קול. ווען זיי וועלן צוקומען צו מיר, האף איך נאר אז איך זאל זיך קענען קאנטראלירן, און אז זיי וועלן דאס מאל ניט נוצן אויף מיר די שאנדע פון ארומבינדן מיך מיט א שמאטע.

— — — — — — — — — —

ס'איז שוין צוויי טעג אז יאנקל איז פארשוואונדן, און מיר דוכט זיך, אז ער איז שוין אוועק אויף אייביק. ווי סע זעט אויס איז בילי דער נעקסטער דא. די דאקטוירים האבן אים אינגאנצן אפגעגאלט די פעל און אים פארוויקלט אין באנדאזשן. ער האט איצט אינגאנצן פארלוירן דעם אפעטיט, רוכט זיך מער ניט אן ווען מען רעדט צו אים, און גייט מער ניט ארויס אין זאל, אויפן שטריק, ווי מיר אלע. דער „רויטער וואלף" און איך גייען ארויס אליין. ער האווקעט נאך, דער רויטער, אבער איצט לאזט ער אויס גאר זיין בעס נאר אויף די דאקטוירים. מיר ביידע טראגן ניט קיין באנדאזשן, אבער יעדן טאג גיט מען אונדז איינשפריצונגען. איך פיל אז די איינשפריצונגען האבן מיך אויסגעמאטערט; איך פאל אריין אין א שווערן שלאף יעדן נאכמיטיק — אבער עס קען זיין אז דאס איז בלויז מיין





געוויינלעכער צושטאנד. מיין פעל איז שוין, אגב, אויסגעפאלן אויף עטלעכע פלעצער, און די הויט איז מיר גלאט אונטערן ווידל.

איצט, ווען דער רויטער בעמט האווקען און בילן, מוז איך זיך מודה זיין, אז איך בין מער נישט ברוגז אויף אים. און קען זיין אז דאס איז דערפאר, ווייל דער זעלבער סוף דערווארט אונדז ביידן. אבער וואס עס זאל ניט זיין די סיבה, זעט עס מיר אויס, אז עס קען זיין עפעס שכלדיקס אין זיין אויפפירן זיך. איך ווייס דאס ניט ווי אזוי אויסצודריקן — אבער ס'איז מעגלעך אז ער אויף זיין וועג, און איך אויף מיינעם, האבן ביידע געשטרעבט צו דעם זעלביקן צוועק. כאטש די פרינציפן אונדזערע זיינען אנדערשדיקע. אבער אין דער איצטיקער מדרגה איז שוין ניט פאראן קיין אונטערשייד אין פרינציפן; ס'איז גענוג וואס מיר האבן ביידע געקעמפט אויף אויסצודריקן אונדזער צושטאנד. ניין, דאס קען ניט זיין — פרינציפן זיינען אלעמאל דאס וויכטיקסטע, און פרינציפן מוז מען אנהאלטן און אויפהאלטן אין לעבן.

דער רויטער, דוכט זיך, האט מיך שוין מער ניט אזוי פיינט. ער קוקט אויף מיר שוין לאנג, פונקט ווי ער וואלט וועלן לייזן אין זיין מוח די פראגע — וואס פאר א הונט איך בין; און איך קען אפילו זאגן, אז ער דערקענט מיך ביסלעכווייז און אז איך מאך אפילו א גוטן איינדרוק אויף אים. איך ווייס אבער אז וואלט ער געווען פריי, וואלט ער מיך געהאט גוט אין דר'ערד, און ער וואלט אפילו זיך נישט אנגעקערט מיט מיר. ער וואלט ווידער אמאל אנגעהויבן פירן זיין גאסיק לעבן, און מאקע ווייל ער בענקט נאך דעם אזוי שטארק, ווייזט זיך אים אויס אז דאס קרימינעלסטע לעבן איז דאס פרייסטע. אים וואלט קיין זאך בעסער נישט געפעלן ווי די אבסאלוטע הערשאפט איבער א באנדע אמתע וועלף, מיט וועלכע ער וואלט אנגעפירט ריזיקאלישע אוואנטורעס — ווי צו צערייסן אן ארעם קינד אויף שטיקלעך, און אנדערע גוטע מעשים — ביז מען וואלט אים גענומען נאכיאגן, ביקס אין האנט. פונדעסטוועגן קוקט ער אויף מיר איצט אזוי מילד און בארעמהארציק.

— — — — — — — — — —

היינט אינדערפרי, ווען דער דאקטער מיט די לאנגע פיס, איז גלייכגילטיק אריינגעקומען אין אונדזער צימער און גענומען באטראכטן דאקומענטן, איז רויטער וואלף אריינגעפאלן אין אזא רציחה, אז איך האב כמעט געמיינט אז ער וועט פלאצן. — „רויטער וואלף!" — האט ער א געשריי געטאן, — איך בין א רויטער וואלף, א פיינט פון מענטשן, און האב געשווארן אייביקע שנאה קעגן אים! איך בין א פירער פון חיות אין וואלד, א צעשטערער פון פרידן, א מערדערער, וואס קומט ארונטער פון די בערג, א ווערגער, א בלוט־זויגער, בין א גנב און א פארצוקער פון קינדער און שעפסעלעך! (עס איז מערקווירדיק, מיט וואס פאר א מין נארישקייטן אט די גאסנהינט, וואס האבן קיינמאל אין לעבן ניט אנגעזען קיין שאף אין די אויגן, רעדן זיך אליין איין אלערליי ווילדע מעשות.)

דער דאקטער הערט זיך אפילו ניט צו צו אים. ער איז שוין אזוי צר־

געוואוינט צום הינטישן האַווקען, אַז ער קען שוין מער נישט דערקענען דעם אונטערשייד צווישן גלאַט בילן, און דעם אמתן עקסטאַז פון צאַרן, פון דעם ווירקלעכן צוריק פאַרוואַנדלען זיך אין אַ וואָלף, וואָס אַ הונט קען דערגרייכן נאָר איין מאָל אין לעבן. די שטייג האָט זיך געטרייסלט, ווייל דער „רויטער” האָט זיך געוואָרפן קעגן די אייזערנע שטאַנגען. איין שטאַנג האָט ער אַזוי שטאַרק אָנגענומען אַז ער האָט זיך צעבראָכן אַ צאָן. די פּיאַנע ביי זיין מויל איז ביי אים געוואָרן באַפלעקט מיט בלוט. אָבער דער דאָקטער איז זיך אַלץ אָנגעגאַנגען מיט זיינע רעגלמעסיקע, מענטשלעכע געשעפטן, און אויב ער האָט געהערט דעם רויטן איז עס נאָר געווען ווייל זיינע אויערן, פּונקט ווי אונדזערע, באַזיצן די אייגנשאַפט אויף איבערצוגעבן גערויש.

נו, און דער רויטער, האָט ער געגוואַלדעוועט! האָט ער געקוויטשעט, און געשריען! זיך געשלאָגן קאָפּ אָן וואַנט. אַז איך האָב געמיינט אַז ער וועט זיך צעשפּאַלטן דעם מוח. ער האָט געביסן די לערע לופט, געסטראַשמעט און קאָמאַנדעוועט ביז עס איז אים געלונגען דורכצושפּאַרן דעם קאָפּ צווישן די שטאַנגען — און דאָ, אַהאַ! — ער קען מער נישט דעם קאָפּ צוריקציען! אָבער ער וואַרפט זיך אַלץ אויפן דאָקטער, און נאָך אַלץ ציטערט ער מיט פיינטשאַפט קעגן מענטשן — ביז דער דאָקטער איז זיך מטריח געווען און אים באַפרייט פון די שטאַנגען. ער האָט אָנגענומען אַ מין לאַנגן שטעקן, מיט וועלכן מען עפנט די הויכע פענצטער, און צולייגנדיק דעם שטעקן צו דער הינטישער מאָרדע, האָט ער אַזוי אַרום דעם „רויטן” אַרויסגעשטופּט פון די שטאַנגען מיט אַזאַ כח, אַז אַ שטיק פון דעם הונטס באַק האָט זיך אָפּגעריסן. נאָך דעם האָט דער הונט אָנגעכאַפּט דעם שפּיץ פון שטעקן און אים דורכגעביסן — מיט די ציין.

עס איז אויף בילין און מיר אָנגעפאַלן אַ פחד. בילי האָט אפילו פאַרגעסן אָן זיין קרעכצן, כראַפּען און וויינען. און האָט דעם „רויטן” אַרויסגעהאָלפן מיט אַ כאָר שוואַכע האַווקעס. מיר האָבן זיך אַלעמאָל איבערגעגעבן מיט דעם וואָס מיר האָבן נאָך קיינמאָל זיך נישט אָנגעטראָפן מיט אַן אַפּליקענינג וועגן אונדזער יחוס. און אַז מיר האָבן זיך אָפּגעזונדערט פון דער מענטשהייט.

און, ווייל איך אַליין בין איצט גאָר סימפּאַטיש צום רויטן וואָלף, גיב איך צו, אַז דער פּרינציפּ פון זיין נשמה איז, נאָכאַלעמען, אַ לעגיטימער, פונדעסטוועגן ווייס איך נישט אויב איך וואָלט אים געקאָנט נאָכטאָן. איך בין, פאַרשטייט איר דאָך, אַן איידעלער „ספּאַניעל”; אָבער אַפילו ווען איך וואָלט געווען פון אַן אַנדערן שטאַם, לאָמיר זאָגן, ווען איך זאָל אַפילו זיין אַ גרויסער, בייזער יאַגד־הונט, ווייס איך אַז איך וואָלט דאָס אויך דעמאָלט נישט געקענט טאָן, ווייל ס'איז נישט נאָר אַ פראַגע פון אַטאַוויזם, פון צוריקגיין צום וואָלף; ס'איז אַ וויכטיקער ענין פון היסטאָריע. די פראַגע איז — געוועגט אונדז די איצטיקע הינטישע נאַטור פאַר דעם? מיין נאַטור, ווייס איך זייער גוט, גענוגט מיר נישט פאַר דעם.

מיין פעטער, ד.ה. מיין מוטערס ברודער, האָט אויף מיר געהאַט אַ





שטאַרקע ווירקונג. פילאַדעלפילע ווייכביין איז געווען זיין נאָמען. דער פילאַדעלפילע, עליו־השלום, איז געווען זייער אַ ליבער, קלוגער הונט, נאָרט ווי אַ מיידל. אָבער טאַקע גאָר אַ גרויסער חכם. איך מוז האָבן זיינע װיגן, אָבער עס איז שוין אַזוי לאַנג אַז ער איז נפטר געוואָרן, אַז איך קען שוין מער נישט זיין זיכער אין דער זיכערקייט. אָבער איין זאַך געדענק איך, פּונקט ווי עס וואָלט געווען נעכטן. און דאָס איז ווי איך האָב זיך אויסגעלערנט פון אים צו באַנעמען די באַגרענעצטקייט פון אונדזער נאַטור. איך פלעג איך זיך צוקוקן ווי ער האָט זיך געפירט מיט זיין באַלעבאָס, און איך פלעג באַמערקן אין זיינע אויגן אַזאַ טיפע ווייט־זעעוודיקייט, אַזאַ פאַרלאַנג צו באַפרייען זיך פון זיין נאַטירלעכער תפיסה (פּונקט ווי איך וויל זיך איצט באַפרייען פון מיין תפיסה) און דאָך אַזאַ הייסע, טרויעריקע ליבע צום געליבטן, אַז זיין ביישפּיל האָט זיך מיר איינגעוואָרצלט אין האַרצן, אַז פון דאַן, וואָס עס זאָל נישט זיין דער סוף איז מיין איין באַגער זיך אַליין איבערצוטייגן און אַריינצופליען נישט אין דער נשמה פון וואָלף — נאָר אין דער נשמה פון מענטשן.

— — — — — — — — — — —

בילי איז שוין מער נישטאָ. אומזיסט דאָס באַווייגן אים. ער האָט שוין אַליין גענוג געוויינט.

איך וואונדער זיך פאַרוואָס איך דאַרף זיין אַזוי אויפגערעגט. די איינשפּריצונגען האָבן מיך מסתמא אויסגעמאַטערט. וואָס דאַרפן מיר פאַרלייקענען, דער הונט איז שוואַך, דער מענטש איז שטאַרק.

דער רויטער איז שוין אינגאַנצן געוואָרן אַ וואָלף. און ווי ער האָסט מיך איצט. מיר ליגן נאָך צוזאַמען אין צימער, אָבער איך בין שוין אויף אַן אמת איינער אַליין.

— — — — — — — — — — —

היינט בין איך טאַקע גאָר אַליין. מען האָט דעם רויטן נאָך אָוועקגענומען גאַנץ פרי. ער האָט געשריגן, געגוואַלדעוועט, ביז די כחות זיינען אים אויסגעגאַנגען. ער האָט זיך אַפילו נישט געזעגנט מיט מיר. איך האָב אים גערופן, נאָכגעשריען — איך האָב געדענקט אַז מיינע ווערטער וועלן אים אויפמוטיקן — אָבער ער האָט מיך נישט געהערט.

איצט, אַז איך בין אַליין, געפין איך. אַז אַ מאָדנע זאַך האָט מיט מיר געטראָפן. איך פיל זיך איצט פריי צו באַנוצן מיינע העכערע פייאיקייטן, וועלכע זיינען אין דער נאָענטקייט פון מיינע חברים מער אָדער ווייניקער דערשטיקט געוואָרן. אָבער דאָס טראַכטן געלינגט מיר נישט. פון וואָס איז דאָ פאַראַן צו טראַכטן? מערקווירדיק איז, אַז ביז צו דעם מאָמענט קען איך זיך נישט באַקלאָגן אויף דער באַהאַנדלונג וואָס כ'האָב דאָ באַקומען. עס ווייזט אויס — אַנטשולדיקט מיר — אַז איך שטים איין מיטן צוועק פון אָט־אָ־דער לאַבאָראַטאָריע.

דער אמת איז, איך בין קיינמאָל נישט געווען קיין קעגנער פון דער מענטשלעכער השגחה איבער אונדז, און אַפילו איצט, ווען איך וואָלט זי

וועלן אָפּלייקענען, ווייס איך ניט ווי אָרנטלעך איך וואָלט געווען ; מיר, הינט, עלטערן זיך זייער געשווינד. און מיר שטאַרבן פרי. אַוועק. אייניקע פון אונדז שטאַרבן אין נאַטירלעכע אומשטענדן, אַנדערע אונטער גאַז, גאָר אַנדערע — אונטער דעם מעסער.

מיר האָט אַמאָל אַ הונט געזאָגט, אַז מען פילט גאָרניט קיין ווייטיק, און איך גלויב עס. די איינשפּריצונגען קען איך זיך וואויל פאָרשטעלן, זיינען פיל מער אומאָנגענעם ווי דאָס מעסער. איך פאַרשטיי אַז צום אַלעם ערשטן, איידער מען נעמט אונדז שניידן און פּאַלמעסן, פירט מען אונדז אַריין אין אַ טיפן שלאָף. דאָס אַלץ האַרמאָנירט מיט דעם פּראַקטישן רחמנות־געפיל פון מענטשן. עס מוז זיכער זיין אמת אַז אַפילו דעם מענטשנס רחמנות־געפיל איז באַשטימט צו דינען אַ פּראַקטישן צוועק.

מען מעג אַפילו פרעגן — וואָס פאַר אַ צוועק באַדינט זיין צוועק ? אויף אונדזער הינטישן אופן קענען מיר דאָס ניט קלאָר פאַרשטיין. פיליכט וועט דאָס עמיצן טאָן גוטס. אָבער אויב ס׳איז פאָרט מיין גורל אויפצוטאָן גוטס, וואָלט איך כאָטש געמעגט וויסן וואָס פאַר אַ גוטס דאָס וועט אויפטאָן — פאַר אונדז — הינט? אַך, וואָס פאַר אַ ליגנס עס גילטן אין אונדזער געשיכטע! איז דאָס טאַקע מעגלעך אַז אונדזער שיקזאַל קערט זיך אינגאַנצן ניט אָן מיט אונדז ?

די אַנטוישונג לאָזט מיך ניט רוען. דאַכט זיך, עס בלייבט מיר נאָך אַביסל צייט דאָס איבערצוטראַכטן. און איצט דוכט מיר אויס, אַז מיין אַנטוישונג איז פאַר מיר אַ נויטווענדיקייט — זי פאַרענטפערט גאָר די נייגעריקייט און די ליבע צום מענטשן וואָס איך האָב געלערנט און געירשנט פון מיין מוטערס צד. איך ווייס ניט וואוהין זיך צו קערן. ווי איך זאָל ניט קעמפן קעגן דעם געפיל, שטייט מיר אַלעמאָל איין געשטאַלט פאַר די אויגן — דאָס געשטאַלט פון דער מענטשהייט — און דאָס איז אַלץ וואָס איך וויל, און אַלץ וואָס איך פאַרמאָג. איך האָב ניט קיין מורא מער. איך ווייס ניט פאַרוואָס די האַנט וואָס קען מיך אַזוי הויך אויפהייבן, זאָל אויך אין דער זעלביקער צייט האַלטן אַ מעסער. אָבער, זייט אַזוי באַרעמהאַרציק, מאַכט עס געשווינד מיט מיר.

---

אייזיק ראָזענפעלד, געב. אין שיקאַגע אין 1918, איז איינער פון די וויכטיקסטע יונגע אַמעריקאַנער שריפטשטעלער. ער האָט שטודירט פילאָסאָפיע אין שיקאַגער אוניווערזיטעט, און ער פאַרעפנטלעכט עסייען, רעצענזיעס און דערציילונגען אין דער „ניו־רעפּאַבליק“, אין „קעניאָן רעוויו“, אין „פּאַרטיזאַן רעוויו“, אין „ניו־יאָרק טאַימס בוך רעוויו“ און אין אַנדערע וויכטיקע זשורנאַלן. די טעג דערשיינט זיין ערשטער ראָמאַן „אַפּפאַר פון דער היים“.

אייזיק ראָזענפעלד האָט אויך שטודירט יידיש אין די שלום־עליכם־שולן אין שיקאַגע, און די דערציילונג „דאָס מעסער“ האָט ער געשריבן אויף יידיש פאַר די „געצעלטן“.





# אַלבום פאַר מאַרגאַרעט

(פונעם בוך „דער שניידער־געזעלן נטע מאַנגער זינגט“)

**I. גורל**

איך בין געווען אַ שייגעצל
אַמאָל אין גאַליליי —
געוואָרפן בערלעך אין משהס באָרד
אין יעזוסן באַלגס שניי —

איצט טעמפּלט משה אין ניו־יאָרק—
און ס׳איז יעזוס אַ גאָט ביי „זיי“
נאָר מיר דעם אָרעמען שייגעצל
איז נעבעך ווינד און וויי —

**II. אַוונט**

דער אָוונט אַ באָרוועסער מאָנאַך
נידערט פונעם קלויסטער־באַרג
זיין לאַנגער שאָטן פאַלט פאַרויס
און נעמט אַרום דעם מידן מאַרק.

די טערקל־טויבן אין טויבנשלאַק
ליובען זיך פאַרשלאָפן מיד —
און אַלץ אַרום אָטעמט פרום
מיט קימל־ברויט און אָוונט־ליד.

**III. וואַלקנס**

וואָלקנס — יידן אין שטריימלען
(אַ בעלעמער אַסיפה)
אויבן אַן דער בעלעמער רב
פאַרטראַכט. רעיונות טיפע

„רעגן! — בליצט אויף
דער „בעל־עמער“
פאַר היה, מענטש און זאַמען“.
„מסכים! — דונערט די עדה אַמ,
געלויבט זאָל זיין „זיין נאָמען“.

**IV. געזעגענונג מיט אַ „ליטעראַרישער“ דאַמע**

איך האָב דיר געגעבן זון
און דו מיר, טרערן.
וואָס וועט פון דיר ווערן?

די הענט אין די קעשענעס
לאָז איך זיך גיין
כדי צו זיין — איין־אַליין.

אַרום מיר בילן הינט
און פאַרדעכטיקע ליטעראַטן
אין זייער טאָטנס טאָטן.

שפּעטער האַרבסטיקער הימל.
קליינע דערשראָקענע שטערן
— וואָס וועט פון מיר ווערן?